**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/2/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סיטי סאָבוועי ברעכט נייע רייזנדע רעקארד אין ערשטן טאג פון מערץ

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סיטי סאבוועי האט געבראכן א נייע רעקארד פון די צאל רייזנדע אין איין טאג זינט די אָומיקראָן כוואליע האט באטראפן ניו יארק סיטי. לויט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט די סאבוועי סיסטעם געפירט 3,145,294 רייזנדע אום מערץ 1. די רעקארד ברעכט די [פאריגע רעקארד](#) געבראכן אום פעברואר 10 ווען סאבוועיס האבן געפירט 3,118,851 רייזנדע, א תקופה אין וועלכע די צאל סאבוועי רייזנדע איז איבערגעשטיגן 3 מיליאן אין זיבן ארויס פון אכט טעג אין א ציה. די לעצטע ציפער פון רייזנדע איז א 56 פראצענטיגע העכערונג זינט די צאל סאבוועי רייזנדע זענען אנגעקומען צו אזוי נידעריג ווי 2,011,675 אין א וואכן טאג צוליב אָומיקראָן אין דעצעמבער 27, 2021.

"ניו יארקער זעצן פאר צו ברעכן נייע רעקארדס אין פובליק טראנספארטאציע רייזעס, איינס פון די מערסט-ערמוטיגנדע צייכענעס אז אונזער ערהוילונג פון קאוויד איז שטאנדהאפטיג און שטארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סאבוועי איז די לעבן פון ניו יארק סיטי, און מיר וועלן פארזעצן צו טוהן אלעס וואס איז נאר מעגליך צו צוריקברענגען רייזנדע און האלטן אונזער ערהוילונג אויפן ריכטיגן וועג."

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט טשעיר און CEO דזשענאָ ליעבער האט געזאגט,** "ניו יארקער ווייזן מיט זייער אויפפירונג אז דער בעסטער וועג זיך צו באוועגן ארום די סיטי איז מיט מאסן טראנספארטאציע, און מיט אטראקטיווע פרייזן וועלכע זענען דא יעצט, קוקן מיר ארויס צו זעהן מער רעקארדס אין די צוקונפט."

**ניו יארק סיטי טראנזיט (New York City Transit) צייטווייליגע פרעזידענט קרעיג סיפריאַנאָ האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי טראנזיט האט גענוצט יעדע כלי וואס איז געשטאנען ביים האנט צוריקצוברענגען רייזנדע. אויפנעמען מער באן און באס אפעראטארן האבן דאס געמאכט גרינגער צוריקצוברענגען סערוויס צו די שטאפלען וואס ניו יארקער זענען צוגעוואוינט צו, און יעצט ווען די פאנדעמיע בארואיגט זיך, קען די צאל רייזנדע זיך צוריקקערן צו די שטאפלען וואס מיר זענען צוגעוואוינט צו."

צו נאך מער ערמוטיגן מענטשן צו רייזן מיט זיי, איז די MTA ארויסגעקומען מיט א נייע [טיקעט פרייזן מאקסימום פראבע פראגראם](#) וואס מאכט פרייזן ביליגער און מער בויגזאם. די מאקסימום פון וועכענטליכע פרייזן דורך די אויטאריטעט'ס קאנטאקטלאזע באצאלונג סיסטעם רעכנט אריין א "מזל'דיגע 13" (Lucky 13) פיטשעווקע. אנגעהויבן פון די 13'טע רייזע פון יעדע וואך איז יעדע צוגאבליכע רייזע אויף סאבוועיס אדער באסעס אומזיסט פאר די איבעריגע פון די וואך.

די MTA האט אונטערגענומען פרעצעדענטלאזע רייניגונג און דיסאינפעקטינג פראטאקאלן אין די יאר זינט די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן אין 2020 צו פארזיכערן אז די סיסטעם איז די זיכערסטע וואס איז

נאר מעגליך פאר אירע קליענטן. די אויטאריטעט האט אויך דורכגעפירט פובליק אויפקלערונג קאמפיינען און אויסגעטיילט מיליאנען מאסקעס צו די פאסאזשירן.

בעפאר די פאנדעמיע האט די דורכשניטליכע צאל רייזנדע איבערגעשטיגן די 5.5 מיליאן אין סך הכל אויף א רעגלמעסיגן פארנעם אין די סאבוועי סיסטעם. די ציפערן זענען געפאלן מיט 95 פראצענט צו אזוי ווייניג ווי בערך 300,000 טעגליכע רייזעס אין אפריל 2020, אין די צייט ווען די צאל פון קאוויד-19 פעלער זענען געווען ביי א הויכפונקט אין די ניו יארק סיטי געגנט. MTA ארבייטער זעצן פאר ווייטער צוצושטעלן סערוויס פאר די פראנט-ליניע העלטקעיר פראפעסיאנאלן און אנדערע וויכטיגע ארבייטער וועלכע האבן זיך גענויטיגט אנצוקומען צו די ארבעט דורכאויס טייל פון די שווערסטע טעג אין ניו יארק סיטי'ס היסטאריע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418